# UCLA
## Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn

**Title**
Di Krom Oyfn Handls-Mark (The Store on the Commerce-Market)

**Permalink**
https://escholarship.org/uc/item/37b9m567

**Journal**
Archive of the Yiddish Literary Journal Kheshbn, 93(1)

**Author**
Treyster (Treister), Leyzer (Lazar)

**Publication Date**
1979

**Copyright Information**
Copyright 1979 by the author(s). All rights reserved unless otherwise indicated. Contact the author(s) for any necessary permissions. Learn more at https://escholarship.org/terms

Peer reviewed

eScholarship.org Powered by the California Digital Library
University of California

לייזער טרייסטער / ניו־יאָרק

# די קראָם אויפן האַנדלס־מאַרק

## דערציילונג פון קיין מאָל פאַרגעסענע

### 1.

ביים אָפגעעפנטן צעדער־קופערט אין שלאָף־חדר איז געשטאַנען אַריבערגעבויגן מלך יוסף גאַלאַנטערניקס קליינגופיק ווייב, שרה לאה, און האָט אויפן דנאָ, אונטער ווייבערשע וועש, אַראָפגעלייגט אַ סאַמעטן שאַכטל מיט גאָלדענע שפילקעס, אויערינג און רינגלעך, וואָס זענען איר געגעבן געוואָרן אין מתנות צו דער חתונה מיט צוואַנציק יאָר צוריק.

אין אַ וואָכעדיקן טאָג האָט זי קיין מאָל זיך נישט צוגערירט צום צירונג. זי האָט עס געטראָגן בלויז שבת און יום־טוב. היינט האָט זי עס אָבער געהאַט אַרויסגענומען צוליב די תנאים וואָס קומען צושטאַנד אין אָוונט פאַר איר עלטסטער טאָכטער און געשדכנטן בחור פון אַ נאָענטער שטאָט. זי האָט געהאַט געגעבן דאָס צירונג דעם מאַן, ער זאָל עס פאַרמשכונען ביי עמיצן פון קוראַנטע לייט און דאָס געליענע געלט זאָל מען אין אָוונט ביים קנס־מאָל איינלייגן ביי פאַרבעטענע חשובע יידן אַלס נדן פאַרן חתן. אַ ווײַלע צוריק איז אָבער דער מאַן, נאָך עטליכע שעה אַרומלויפן, צוריקגעקומען אָן דער דערוואַרטער הלוואה. איצט אַ פאַרצאָגטע, דאָס פנים צעקנייטשט פון שטראָמען טרערן — טוט זי, שרה לאה, צוריקלייגן דאָס שאַכטל מיט צירונג, און קיין האָפענונג אויף אַן אַנדער אויסוועג צו קריגן אויף נדן איז שוין מער נישט געבליבן.

עטלעכע טריט פון דער מוטער זענען געשטאַנען אירע דריי יינגערע טעכטערלעך: 10, 12 און 14. אַלע מיט שוואַרצע צעפעלעך, מיט שיינע שוואַרצע אויגן, אָבער אין אַלטע קליידלעך און נישט גאַנצע שיכלעך. זיי האָבן געוווּסט פון דער אויסגעלאָשענער האָפענונג. זיי האָבן געהאַט געזען ווי דער פאָטער האָט צוריקגעבראַכט דאָס צירונג פון דער גאַס און עס איבערגעבן דער מוטער. זיי האָבן געוואָלט אויסברעכן אין אַ געוויין, אָבער די מוטער האָט זיי פריער אין דער קיך געבעטן צו דערשטיקן אין זיך די טרערן איבער בושה:

— ער געפינט זיך דאָך אין הויז, דער חתן. ער וועט הערן. ס'איז נישט שיין.

האָבן זיי אויס רחמנות מיט דער מוטער פאַר אירע ליידן אַראָפגעשלונגען די יאָמער־ספאַזמען. נאָך דעם האָבן זיי זי באַגלייט דאָ אַהער אין שלאָף־חדר. איצט קוקן זיי זיך צו ווי זי לייגט נעבעך צוריק אַריין דאָס צירונג אין דעם צעדער־קופערט, און איינע ביי דער אַנדערער פרעגט מיט שטיקעניש אין האַלדז:

— וואָס וועט אָבער זיין אַצינד?

— ווי וועט מען קאָנען מאַכן די תנאים?

— אונדזער שוועסטער וועט דאָך פאַרשעמט ווערן...

די טיר פון דער שכנישער גרויסער שטוב האָט זיך געעפנט און ס'איז אַרויסגעקומען אַ 17־יעריק הויך מיידל. זי איז געווען אַ שטשופלינקע, מיט אַן איידל בלאַס פנים און קאַווע־ברוינע אויגן. געווען איז זי די עלטסטע טאָכטער, וואָס ווערט היינט אָוונט פאַרקנסט. אין שטוב, פון וואַנען זי איז אַרויס, זיצט דער חתן זינט ער איז געקומען צו פאָרן, און זי האָט מיט אים גערעדט, מחמת ס'זאָל אים נישט זיין סמוטנע. ער איז דאָך אַ פרעמדער. אַז זי האָט שוין מער נישט געהאַט וואָס מיט אים צו רעדן, אַלץ האָט זיך אויסגעשעפט, איז זי אויפגעשטאַנען, אַנטשולדיקט זיך פאַר אים און איז דאָ אַריינגעקומען.

— מאַמעשי...— איז זי געבליבן שטיין אין מיטן שלאָף־חדר און האָט זיך באַקלאָגט מיט אַ פיינלעך געמיט. — פאַרוואָס ווייזט זיך נישט דער טאַטעשי פאַרן חתן? ער'ט דאָך מיינען, דער חתן, אַז דער טאַטעשי שעמט זיך מיט אים.

שרה לאה האָט פאַרמאַכט דעם קופערט, אויסבאַהאַלטנדיק פאַר דער טאָכטער צוליב וואָס זי האָט זיך דאָרט געפאָרקעט. זי האָט זיך אויסגעגלייכט און געקוקט אויף דער כלה מיט פאַריבל, הלמאי אויפן געדאַנק איז איר געקומען אַזאַ מחשבה וועגן

פאָטער. דער פאָטער, אַ חסיד פון אַ מפורסמדיקן רבין אין פוילן, וועט צולאָזן צו זיין האַרץ אַזאַ זינדיק געפיל? אמת, דער חתן איז נאַקעט און באָרוועס, האָט נישט קיין באַשעפטיקונג. ער איז יונגערהייט געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום — אָן אַ טאַטן און מאַמען. בלויז דער איבערשטער אַליין ווייסט וואָס ס'וואָלט מיט אים געשען, ווען נישט קהל. די מנהיגי־קהילה פון דער שטאָט, פון וואַנען ער שטאַמט, האָבן זיך מרחם געווען אויף אים, באַזאָרגט אים מיט עסן, מיט אַ מלבוש, אַ פּלאַץ צום שלאָפן און געמאַכט אָרט פאַר אים אין אַ ישיבה. ער האָט זיך אָבער סיזוי צו גאָרנישט געקאָנט צוכאַפּן. ס'איז נישט געווען ביי וואָס. דאָך איבער דעם אַ וועט זיך איר טאַטעשי, דער כלהס, שעמען מיט אים? האָט דען דער בחור זיך אויסגעקליבן דאָס־אָ מיטן אייגענעם רצון?

אין איין זאַך האָט זי אָבער יאָ מסכים געווען מיט דער טאָכטער. אַז ער זיצט אַ לאַנגע צייט אין שטוב, דער חתן, און זעט נישט קיינעם אַחוץ דער כלה, קאָן ער געוויס האָבן אַ ווייטיקלעכן חשד. ער קאָן מיינען, אַז דער מחותן פאַרנעמט זיך נישט מיט אים, ווי ס'איז פאַרקערט דער שטייגער אין אַ באַלעבאַטיש הויז, ווייל ער איז נישט קיין מציאה.

זי האָ אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ צו דער טאָכטער און זיך געריירט:

— כ'גיי טאַקע זאָגן דעם טאַטעשין דערפון.

זי איז אַרויס פון שלאָף־חדר, אַריין אין קיך, פון דאַנען אין דער גאַלאַנטעריי־קראָם, וווּ ס'איז קיינער נישט געווען, און האָט זיך פאַרנומען אַרויס אין דרויסן צום מאַן.

## 2.

אויפן טראָטואַר, וואָס מיט האַרבסטיק־באַקעטע אַקאַציע־ביימער לענגאויס דעם ברעג, איז ביי די לעטירן פון זיין קראָם געשטאַנען איר מאַן, מלך יוסף גאַלאַנטערניק. זיינע בלייכע ליפּן זענען געווען צונויפגעפרעסט; די הענט פאַרביילט טיף אין די קעשענעס פון דער אָפּגעבליאַקעוועטער יוביצע; און זיין לאַנגער שמאָלער גוף האָט זיך נישט באַוועגט, כדומה אַ געליימטער. ער איז געשטאַנען אין אַ זיך אָנשפּאַרנדיקער פּאָזע און האָט ווייטיק געקוקט אויפן האַנדלס־מאַרק: רעכטס, לינקס און צווישן. אָן אָפּשטעל: אַהין, אַהער און אין מיטן.

ווייל־באַקאַנטע יידן פון זיין חסידים־שטיבל, וואָס האָבן פאַרבייגייענדיק אים באַמערקט, האָבן דערביי געטראַכט: ער איז שוין אין גאַנצן חסר־דעה, דער מלך יוסף גאַלאַנטערניק. וואָס איז דען דער חידוש? אַז טאָג און נאַכט האַלט ער נאָר אין איין מיניסטערעווען מיטן קאָפּ. נאָר ער מיניסטערעוועט.

אָבער ער, מלך יוסף גאַלאַנטערניק, מיט דער שוואַרצער באָרד און מיט דער לאַנגער פאַרקיילעכדיקטער נאָז, שטייט זיך אַלץ־איינס ווידער אַזוי אָנגעשפּאַרט אויף די דרויסנדיקע לעטירן און קוקט ווי פריער: רעכטס, לינקס און צווישן. קוקן קוקט ער אגב בלויז מיט איין אויג. דאָס שווייטע איז ביי אים חלילה נישט קאַליע. גאָט באַהיט. ער האַלט עס אָבער לעצטע צייטן מערסטנס פאַרמאַכט. אַ שטיק האַרץ איז שוין ביי אים לעצטנס פאַרמאַכט נאָר מיט זיך. אַ שטיק נשמה אויך. אַ שטיק גוף מיט מאָגן־ווייטאָגן אויך. איז אים בעסער — ער פילט עס ממש ווי אַ רפואה — אַז אויך איין אויג זאָל זיין פאַרנומען מיט זיך. טיף מיט זיך. איי די רעיונות וועגן אים פון די פאַרבייגייענדיקע? זיי זענען אים מבטל, מבזה און זענען פול מיט חוזק וועגן זיין אויפפירן זיך? זיי גייען אים נישט אָן, די לייט מיט זייערע השגות און שאַצענישן. איבעריקנס, זאָל דער רבונו־של־עולם זיי פאַרגעבן פאַר זייער טיפּשות. ווער עס קוקט נישט אָן אָט־די פאַרשווינען... געשטאָרבענע פּנימער; נישט געשווירענע קאָלטענעס האָר ביז אין קאָרק אַריין; איבערגעניצעוועטע יוביצעס; אויסגעקרימטע קאַמאַשן און שטיוול. איי זיין הילוך איז נישט קיין בעסערער? אויך ער זעט נישט אויס שענער? ער האָט עס דען געלייקנט? ער איז טאַקע אַליין אויך נישט מער ווי אַ לעבעדיקער מת. וואָס איז דען דאָ צו באַהאַלטן? ס'איז שוין אויף אָט־דער געפּלאָגטער וועלט גאָרנישט נישטאָ וואָס צו טאָן. לחלוטין גאָרנישט.

פאַרוואָס אַזאַ אויספיר? מחוץ אַנדערע דערקוטשענדיקע מיכשולים אויף זיין וועג צו, לפּחות, אַ טיילווייז שלימותדיקן אָנ־

האַלט אין לעבן, זענען עס אויך גורם דריי טעמים — און נאָך עפּעס.

דער ערשטער טעם איז דער פון רעכטס: דאָרט שטייט אַ גרויס געמויערט הויז מיט אַ גויאישן קאָאָפּעראַטיוו, וואָס אַחוץ אַלערליי אַרטיקלען מיט בּידעריקע פּרייזן אינעווייניק אויף די פּאָליצעס האָט עס אויך אַרטיקלען אין דרויסן אויף די ווענט צווישן די שויפענסטער. העצנדיקע אויפרופן מיט גרויסע רויטע אותיות זענען זיי:

אַ קריסט? קויף־זשע אין אַ קריסטלעכן קאָאָפּעראַטיוו!

אייגענע צו אייגענע!

בּידער מיטן זשידאָווסקי האַנדל!

דער צווייטער טעם איז דער פון לינקס: דאָרט שטייט אַ לאַנגער מלוכה־וואָגן מיט הויכע שוואַרצע פערד פאַר אַ יידס שפּייז־קראָם, און אַרום אים פּאָרקען זיך עטלעכע מלוכה־לייט. די דאָזיקע לייט, אָנגעטאָן אין אוניפאָרמען פון דער פינאַנץ־אַדמיניסטראַציע, האַלטן אין איין אויפלאָדן אויפן מלוכה־וואָגן זעק מיט סחורות, וואָס זיי האָבן אַרויסגעטראָגן פון דער שפּייז־קראָם פאַר נישט־באַצאָלטע שטייערן.

און דער דריטער טעם איז דער פון מיטן: דאָרט, אויפן שטיינערנעם ברוק, שפּרייזט דער שטאָטישער פּויקער, אַ הויכער פּאָליאַק מיט אַרויפגעדרייטע בלאָנדע וואָנצעס. ער טראָגט אויפן בויך אַ גרויסע פּויק, וואָס הענגט אַראָפּ פון אַן אַקסל, און ער זעצט אין איר אַריין מיט צוויי שווערלעכע הילצערנע קליפּערלעך.

— פּאַנאָוויע! העי, פּאַנאָוויע! — שרייט ער צו מענטשן אויפן האַנדלס־מאַרק. — אויפן יאַריד, היינטיקע וואָך, אַ ליציטאַציע פון סעקוועסטרירטע סחורות פאַר שטייערן. העי פּאַנאָוויע!

דאָס אָ זענען די דריי טעמים. וועגן דעם ערשטן ווייסט ער, מלך יוסף, אַז דאָס איז אַ בשותּפותדיקע פּאָליטיק פון דער רעגירונג מיט די שונאי־ישראל. און זינט דער קאָאָפּעראַטיוו האָט זיך געעפנט איז דער יידישער מיסחר אין שטאָט גאָר שלעכט. וועגן דעם צווייטן טראַכט ער, אַז כאָטש ער איז נישט אין שלום־ושלווה מיט יענעם שפּייז־קרעמער, ביי וועמען די פינאַנץ־באַאַמטע שלעפּן אַרויס די סחורות פון דער קראָם, דאָך טוט עס אים אַזוי ווייט ווי יענעם. דערצו איז אויך ער, מלך יוסף, שולדיק געגוג פאַר עטלעכע יאָר שטייערן, וואָס ער האָט נישט געקאָנט צאָלן איבער דחקות. וועגן דעם דריטן טעם האָט ער שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן, וואָרעם קינד־און־קייט ווייסט אויף די ליציטאַציעס מאַכט מען אַ תל. פון קרן־פּרייז ווערט העלפּט. צום סוף בלייבן די הענדלערס ווידער שולדיק פאַר שטייערן.

אַנדערע טעג קאָן ער, מלך יוסף, אַזוי אָפּשטיין דאָ אין דרויסן ביי די לענטירן פיל שעהן, זען דאָס זעלבע וואָס איצט און דערנאָך ערשט זיך אַוועקזעצן אויף דער הינקענדיקער שטול ביי דער קראָם־וואַנט און איבער דער גאַנצער צייט טראַכטן: וואָס וועט פאָרט זיין דער סוף? היינט אָבער טראַכט ער, מלך יוסף, אַז ס'איז שוין גאָרנישט נישטאָ וואָס צו טאָן אויף דער דאָיקער וועלט. לחלוטין גאָרנישט. היינט איז עס אַנדערש ווי אין אַנדערע טעג, ווייל דער היינט האָט אַחוץ די דריי דערדריקענישן נאָך עפּעס — די תנאים פאַר דער עלטסטער טאָכטער. אַ דאַנק דעם רבש"ע וואָס ס'האָט זיך געמאַכט דעד שידוך און זי האָט עולה־יפה געוועזן. אָבער וואָסער האַפט האָט עס, אַז ס'איז נישטאָ צו סילוקן?

— פאַרוואָס גייסטו נישט אַריין אין שטוב, מלך יוסף? — האָט זיך פאַר זיין פּנים באַוויזן דאָס קליינגופיקע ווייב שרה לאה און געקרעכצט. — דער בחור וועט דאָך מיינען דו שעמסט זיך מיט אים...

מלך יוסף האָט איר נישט געענטפערט. וואָס האָט ער צו ענטפערן? וואָס שייך זען דעם חתן, האָט ער אים שוין געזען. ער האָט אים אָפּגעגעבן שלום־עליכם גלייך ביי זיין אָנקומען. איי זיצן מיט אים און רעדן? אַוודאי איז עס בכלל אַ שיינע מידה צו רעדן מיט אַ מענטש, איבערהויפּט מיט אַ חתון־בחור פון דער פרעמד, אַ יתום. וואָס וועט אָבער זיין די פּעולה דערפון אַז ער, מלך יוסף, וועט שוין אַריינגיין אין שטוב און זיצן מיטן בחור אַ שטיקל צייט? האָט זי, דאָס ווייב, פאַרגעסן אַז ער איז פריער צוריקגעקומען מיטן צירונג אָן אַן אויסוועג צו קאָנען סילוקן דעם נדן? און אַז זי ווייסט עס,

איז צו וואָס צעראָיעט זי נאָך זיינע איי־טערדיקע ווונדן?

— ס׳איז מיר שוין נישט קיין נפקא־מינה וואָס ס׳וועט זיין... — האָט ער גע־וואָרטשעט צום ווייב. — לאָזט מיך אַליין. כ׳וויל זיין אַליין...

3.

אין אָוונט זענען אָבער פּאַרט פאַרגע־קומען די תּנאים.

אין דער גרויסער שטוב האָט דער בליצלאַמפּ יום־טובדיק געלייכט. דער טיש אין מיטן דיל איז געווען באַדעקט מיט אַ ווייס טישטעך. אויפן טישטעך — צוויי לייכטערס מיט אָנגעצונדענע ליכט. אַרום דעם טיש — פאַרבעטענע מישפּחה; אויך עטלעכע כלי־קודש מיט געלע און גרויע בערד, מיט ברייטראַנדיקע שוואַרצע קאַפּעלושן אויף די קעפּ; אויך דעם חתנס פעטער און מומע, וואָס וווינען דאָ אין שטאָט, און אויך דער חתן־בחור אַליין. אַ נישט־זשוואַווע מענטשל איז געווען אָט־דער יונגערמאַן: שעמעוודיק, קאַרג אויף אַ וואָרט, מיט אַ קנאָפּ אין געגנדזענעם העלדזל. זיין שמאָל פּנים — בלאַס; די אויגן — שוואַרץ און טריב; ס׳גאַנצע האַלטן זיך — שפּלדיק־אָרעם. אַ מיידל האָט ער, זעט אויס, געוואָלט האָבן, ווייל אַ פאַר־שטענדלעכער און פרומער בחור דאַרף האָבן צוויי זאַכן: אַ פרוי און אַ תּכלית. דערצו איז ער דאָך נישט קיין יונגער, 24 יאָר אַלט. צום מיליטער האָט מען אים שוין עטלעכע מאָל געהאַט גערופן, און יעדעס מאָל האָט אים דער גויאישער דאָקטער אַרויסגעוואָרפן פון דער „פריי־סוטסטוויע" מיט אַ געשריי:

— פּאַשאָל וואָן, דו פּאַרשיווער זשיד! דו פייניקסט זיך, ווייל דו ווילסט נישט דינען אין מיליטער. אָבער לעבן אויף דער פּוילישער ערד ווילסטו יאָ.

„לעבן אויף דער פּוילישער ערד"? פון וואָס? ער קאָן דאָ בלויז שטאַרבן פון דחקות. יאָרן צוריק האָט ער געהאַט פאַר־לאָזט די ישיבה און פּרובירט זיך נעמען צו אַלערליי פּאַרדינסטן. אָבער אומעטום האָט ער אָנגעטראָפן אויף אַן אָרעמער שיסל מיט אַ סך הונגעריקע. איינער איז געווען אויפן צווייטנס קאָפּ. שטיקעניש...

דער איינציקער אויסוועג איז געבליבן: אַ מיידל און אַ נדן.

אַקעגנאיבער דעם דאָזיקן מאָגערן און איידעלן בחור איז געזעסן די כּלה. זי איז געווען אָנגעטאָן אין איר איינציקן שבת־דיקן קלײדל וואָס זי האָט געהאַט. זי האָט זייטיק געקוקט אויף איר חתן און גע־טראַכט אַז די טריב־שוואַרצע אויגן זיינע האָט זי אָפט געזען ביינאַכט אין דער פאַנטאַזיע, ליגנדיק אויפן געלעגער, און צומאָל אין חלום. זיי זענען, גלייבט זי, די זעלבע. אָן ספק. דער דאָזיקער בחור איז איר באַשערטער שוין פון גאָר לאַנג צוריק. דער רבונו־של־עולם אַליין האָט זיך מטריח געווען און אויסגעקליבן אים פאַר איר, נאָך איידער זי איז געבוירן געוואָרן.

— אַ, אַ שבח דיר, טאַטע אין הימל...— האָט זי אָפט געשעפּטשעט אין דער שטיל ביים טיש.

לעבן דער כּלה איז געזעסן איר מוטער. אויפן קאָפּ האָט שרה לאה געטראָגן דאָס שבתדיקע געלע שייטל; אויפן האַלדז אַ גאָלדן קייטעלע, וואָס דער מאַן האָט צו־זאַמען מיט דער אַנדערער צירונג נישט געקאָנט פאַרמשכּונען ביי קיינעם. זי האָט זיך געהאַלטן ווי אַ גבירטע און אַרי־בערגערדט צום חתנס פעטער און מומע:

— אַצינד אַז מ׳זענען מחותּנים, וועט איר מעגן קומען צו אונדז אָפט צו גאַסט.

מלך יוסף, בכבודו ובעצמו, האָט זיך געפּאַרעט אַרום די כּלי קודש, וואָס האָבן געשריבן די תּנאים, און האָט זיי געוויזן די דייטלעכע ציפערן אויף די וועקסלען, וואָס ער גיט דעם חתן אין נדן.

די כּלי־קודש, ווי באַשיצערס פון דעם יונגנמאַן, האָבן נישט לייכט געשריבן. זיי האָבן אויפגעהויבן די קעפּ און געשטעלט מלך יוספן פּילפּולדיקע קשיות:

— פאַרוואָס וועקסלען?

— אויף וואָסער סמך?

— ווו איז די גאַראַנטיע?

מלך־יוסף האָט אָבער די נודנדיקע יידן אַלץ מסביר געווען. דער לסוף איז גע־ווען: נישט נאָר זיי, די תּנאים־שרייבערס, זענען געווען מלא שמחה, נאָר אויך דער חתן גופא. אויפן סמך פון די דאָזיקע וועקס־לען איז ער, דער יונגערמאַן אָן אַ מאַרגן, געוואָרן אַ פאַלנער שותּף צום מחותּנס

גאַלאַנטעריי־קראָם. ער איז, אַ דאַנק דעם בורא־עולם, אַ פאַרטיקער סוחר.

אים, מלך יוספן, איז וואָס אמת נישט לייכט אָנגעקומען ביז ער האָט זיך גופא צוגערעדט צום פאַרנעמען זיך אויף אַזאַ וועג. גאָט אין הימל איז זיין עדות אַז ער האָט פאַרגאָסן אין זיך אַ סך טרערן ביז ער האָט זיך דאָס באַשטימט. וואָס הייסט מאַכן דעם חתן פאַר אַ שותף צו דער קראָם? וויפל איז דען ווערט דאָס גאַנצע געשעפט? און ווי וועט ער, מלך יוסף, קאָנען מפרנס זיין דאָס הויזגעזינד פון דעם געבליבענעם שטיקל חלק אין דער קראָם? אַחוץ דער כלה האָט ער דאָך נאָך דריי טעכטער, קיין עין־הרע. ער דאַרף אויך זיי מיט עפעס באַזאָרגן. אמת, זיי זענען נאָך יונג, אָבער די צייט שטייט דען? מיידלעך קען מען דאָך ניט לאָזן נאַקעט און באָרוועס. זיי דאַרפן נושא־חן זיין ביי מענטשן! דאָך, פון אַ גאַנצן טאָג טראַכטן ווי אַזוי צונויפשטעלן דעם נדן און פון פאַרגיסן אין זיך ביטערע טרערן, איז אים קיין אַנדער ברירה נישט געבליבן ווי נאָר טאָן דאָס וואָס ער האָט געטאָן.

נאָכן שרייבן די תנאים האָט מען טאַקע געטרונקען כוסות וויין, געבראָכן טעלערס און ס'איז אָנגעשטאַנען אַ פריילעכער טומל:

— מזל טוב! מזל טוב!

## 4.

סיווי איז מלך יוסף געגאַנגען שלאָפן אַ טיף־בצערטער.

ס'איז געווען עטלעכע שעה נאָך די תנאים, שפעט נאָך האַלבער נאַכט. אין שלאָף־חדר האָבן זיך געהערט קרעכצן פון אַ פיינלעכן שלאָף. דאָס זענען געווען קרעכצן פון די יונגע טעכטערלעך, וואָס זענען געשלאָפן צוזאַמען מיט דער כלה אין שכנישן שטיבל. די 3 ייִנגערע שוועסטערלעך זענען דאָרט געלעגן מיט אָפענע מיילער, און פון די העלדזער האָבן זיך אַרויסגעריסן פאַרטרערטע אָכצעניש. אייגנטלעך האָבן זיי דאָס נאָך געוואָלט טאָן לאַנג פריער, ווען זיי זענען נאָך געווען וואַך, און אין דער גרויסער שטוב איז געווען פול מיט מענטשן. זייער עלטסטע שוועסטער האָט געשיינט אין דעם שבתדיקן קליידל און זייטיק געקוקט אויפן חתן. זי, די דריי שוועסטערלעך, האָבן זיך אָבער דאָרט געפונען אין אַ ווינקל, ווי פרעמדע. אין די וואָכעדיקע קליידלעך און נישט־גאַנצע שיכעלעך זיינען זיי דאָרט געשטאַנען. די מאַמעשי, פאַרקענדיק זיך אַרום די געסט ביים טיש, האָט צו זיי געוואונקען — נישט צו דערנענען זיך צום פאַרזאַמלטן עולם. דעמאָלט האָבן זיי אָבער נישט געקענט קרעכצן. דער טאַטעשי האָט זיי לאַנג פאַר די תנאים געהאַט געוואָרנט, אַז ער וועט זיי דערלאַנגען פעטש נאָך דעם, אויב זיי וועלן מאַכן מיאוסע העוויות בעת דער שמחה. איצט — איינע אויפן געלעגער מיט דער כלה, צוויי אויף אַן אַנדער בעטל — האָבן זיי אָבער פון שלאָף, נישט וויסנדיק, נאָר געאָכצעט און ביי יעדן אויסגעשריי אַ ציטער געטאָן מיט זייערע גופים.

מלך יוסף האָט נישט געקאָנט איינשלאָפן. ער האָט געהאַלטן די הענט אונטערן קאָפ, די אויגן־לעדלעך אַראָפגעלאָזט און די ליפן צונויפגעדריקט. ער האָט געטראַכט ביטערע טראַכטענישן און מיטן גאַנצן האַרץ געבעטן די נאַכט זאָל גאָרנישט אויפהערן. זאָל אייביק זיין פינצטער. אָט אַזוי ווי ס'איז געווען פאַר מעשה־בראשית, איידער די וועלט פון שבאַכט, ליידיקע האָפענונגען און צרות איז באַשאַפן געוואָרן.

אויך זיין ווייב, וואָס איז געלעגן אין צווייטן בעט, האָט נישט געקאָנט שלאָפן. כאָטש ס'איז געווען וואַרעם דאָ אין שלאָף־חדר, די פענסטער זענען געווען פאַרמאַכט, אַזוי אַז די פויליקע האַרבסט־לופט האָט נישט געקאָנט אַריינוויען פון דרויסן, דאָך האָט זי, שרה לאה, געהאַלטן אין איין אַרויפציען די פערענע צום מויל, אָבער סוף־כל־סוף איז זי נישט געווען צוגעדעקט. זי האָט זיך נאָר געדרייט און געוואָרפן, אָדער איינגעקאָרטשעט די פיס און זיי אויפסניי אויסגעצויגן. ס'איז איר געווען הייס און ענג, עלעהיי איר נאַקעט לייב וואָלט געווען אַרומגעדריקט מיט פאַרעדיקע שוויצבאָד־האַנטעכער. געווען איז אָבער דאָס־אָ נישט איבער ביטערניש נאָר פון שמחה. די פרייד וואָס די טאָכטער איז געוואָרן אַ כלה האָט זי אַזוי אויפגעהייטערט, אַז כלערליי מחשבות זענען איר

געקומען אין קאָפּ אַריין, און מערסטנס
אין שייכות מיט מלך יוספן. ער איז גע־
ווים אויך שטאַרק אויפגעלייגט. אַ קליי־
ניקייט צו פאַרקנסן דאָס ערשטע קינד?
„אָפּגעמוטשעט" זיך אַזוי אַ שטיק צייט,
האָט זי אַוועקגעשאַרט פון זיך די פערענע
און אויפגעזעצט זיך. פאַר אַ ווײַלע
האָט זי זיך איינגעהערט צי מלך יוסף
שלאָפט. געהערט אַז נישט, איז זי אַראָפּ
פון געלעגער און האָט זיך אַריבערגע־
קליבן צו אים אין בעט אַריין.

אַ לענגערע צייט האָט מלך יוסף נישט
געטראַכט. ער האָט זיך אויך נישט איינ־
געהערט אין די קינדערס קרעכצן פון
דעם שכנישן שטיבל. ער איז געלעגן שטיל
און נאָר געהאַלטן די ליפּן צונויפגעדריקט.
שרה לאה האָט זיך אָבער נאָר געקלעפּט
צו אים ווי אַ טייג.

שוין היפּש לאַנג ווי זי, שרה לאה, איז
נישט געקומען נאָנט צו מלך יוספן, כאָטש
זי איז נאָך אפילו קיין 40 יאָר נישט
געווען. ס'האָבן זי אָפּגעהאַלטן ביטערע
זיכרונות. ביז מיט אַ יאָר צוריק האָט זי
צוזאַמען מיטן מאַן געטרויערט אויף זיי־
ער זון, וואָס איז אין עלטער פון 6 אַוועק
פון דער וועלט נאָך אַ שלאַפקייט וואָס
האָט נישט געדויערט מער ווי עטלעכע
טעג. און געווען איז ער שיין און געראָטן
ווי יוסף הצדיק. דער צער איז געווען
אומענדלעך. ס'האָט דאָך איר און דעם
מאַן גענומען זייער לאַנג ביז ס'איז זיי
באַשערט געוואָרן צו האָבן אַ זון. ער
איז געקומען ערשט נאָך די פיר שוועס־
טערס. אָבער מ'האָט זיך מיט אים לאַנג
נישט געפריידט. נאָכן אָפּטרויערן די צייט
האָט זיך איר ווידער געבענקט צו האָבן
אַ זון. זי האָט געזען ביי די שכנים טײַ־
ערע בחורים, און אַלץ אין איר האָט גע־
שמאַכט אויפסנײַ צו זיין אַ מאַמע פון אַ
יינגל, כל זמן זי פאַרשפּעטיקט זיך נישט
ווי אַ פרוי. אָבער דאגת פּרנסה, דאָס
אַרויסקוקן אויף אַ גויאישן קונה, דאָס אַלץ
האָט צוגענומען ביי איר יעדער באַגער.
הײַנט אָוונט איז אָבער אַלץ אין איר אויפ־
געהייטערט געוואָרן. ס'האָט זי געצויגן צו
איר מאַן, וואָס איז געווים אויך אין אַ
פּאַסיק געמיט. און אָט איז זי לעבן אים.
— גיי אַרויס... — האָט זי מיט אַמאָל
דערהערט אַ מורמל פון מלך יוספן. —
גיי צוריק אין דיין בעט.

שרה לאה האָט זיך אָבער נישט געמאַכט
פון זיינע רייד.

— רעד שטילער... — האָט זי געשעפּ־
טשעט. — די קינדער וועלן הערן.

— איז גיי־זשע אַרויס — האָט ער גע־
זאָגט מיט טרויער אין זיין שטיל קול.

— פאַרוואָס, מלך יוסף?

— ווילסט האָבן נאָך אומגליקלעכע
קינדער?

— וואָס זינדיקסטו, מלך יוסף? יעדעס
קינד האָט זיין מזל. דער רבונו־של־עולם
שפּייזט אפילו אַ ווערעמל אין דער ערד.

פלוצעם האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן
מיט זיין גאַנצן לאַנגן גוף און אַראָפּגע־
שליידערט אירע הענט פון זיינע אַקסלען.

— גיי אַרויס! — האָט ער זיך צעשריגן.

— וויפיל נאָך קינדער ווילסטו האָבן פאַר
שותפים צו דער קראָם?

שרה לאה האָט זיך צעוויינט. זי האָט
זיך אָפּגערוקט צום בעט־ראַנד און דאָ גע־
לעגן אַ שטיק צייט אַ העשנדיקע און דער־
נידעריקטע. דערנאָך האָט זי ווי אַ שווער־
קראַנקע אַראָפּגעלאָזט די פיס צום דיל,
צוגעשלעפּט זיך מיט איר פאַרשעמט לייב
צו איר בעט — און אונטער דער פערענע
שטאַרקער זיך צעיאָמערט.

## 5.

אין דער פרי איז דער חתן געזעסן
ביים טיש אין דער גרויסער שטוב און
האָט געוואַרט אויפן פרישטיק. געקומען
איז ער פון זיין פעטער און מומען, ביי
וועמען ער האָט אַ בעט, ביז — אם ירצה
השם — דער חתונה; און דאָ, ביי די מחו־
תנים, וועט ער ביז דעמאָלט האָבן די
מאכלים. אַזוי איז ביי די תנאים אָפּגע־
מאַכט געוואָרן.

צוגעגרייט די שפּייז האָט שרה לאה.
זי איז געגאַנגען מיט אַ טאַץ הין און
צוריק, פון דער קיך אַהער, פון דאַנען
אַהין, און צום סוף איז זי דאָ געבליבן
זיצן קעגנאיבער אים מיט אַ טריב האַרץ
פון נעכטן ביינאַכט, כאָטש מ'האָט אויף
איר פּנים גאָרנישט באַמערקט.

מחוץ זיי איז דאָ קיינער נישט געווען.
די יינגערע טעכטערלעך האָבן זיך גע־

האַלטן שטיל אין זייער קליינעם שלאָף־שטיבל. דער טאַטעשי האָט זיי לאַנג פריער געהאַט געוואָרנט אַז ער וועט דער־לאַנגען פעטש נאָך דעם,אויב זיי וועלן פאַרלאַנגען שפּיז, אָדער מאַכן אַ טומל, ווען דער חתן וועט פרישטיקן. און זי, די מאַמעשי, האָט אין זיי געהאַט אַריינ־גערעדט נישט צו וואַרפן זיך אין דעם חתנס אויגן מיט זייערע אַלטע קליידלעך און אויסגעקרימטע שיכלעך, לפּחות ביז איבער עטלעכע טעג, ווען דער חתן וועט זיך שוין האָבן צוגעוווינט דאָ צו אַלעם.

— צ׳פאַרשטייט די מאַמעשי? — האָט זי זיי געקושט אויף די קעפּלעך און גע־זאָגט מיט טרויער.

די כלה גופא האָט זיך געפונען אין דער קראָם. זי איז דאָרט געשטאַנען הינטערן האַנדלס־טיש מעשה סוחרטע, לייטיש מיידל. זי האָט אייגנטלעך נישט געוואָלט די דאָזיקע ליידיקע באַשעפטיקונג. דער טאַטעשי האָט אָבער אויף איר אַ קוק געטאָן — און זי האָט שוין משער געווען וואָס עס מיינט. מחוץ לזה שטייט ער, דער טאַטעשי, אין דרויסן ביי די לעגטירן און פון צייט צו צייט טוט ער אַ בליק אַריין אין דער קראָם צו זען צי זי, די כלה, האָט געדולד. אַ קשיה אויף איר! זי האָט אַ ברירה צו פאַרלירן דאָס סבלנות און אַריינלויפן צום חתן אין שטוב צו זען צי ער עסט דעם מאכל מיט אַפּעטיט.

— ווי שמעקט דיר מיין געקעכץ? — האָט שרה לאה געפרעגט מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן, כאַטש דאָס האַרץ ביי איר האָט נאָך געקלאַפּט זינט נעכטן בייגאַכט.

דער חתן האָט אויפגעהערט צו עסן און געקוקט אויף דער מחותנתטע מיט ליכ־טיקע אויגן:

— זייער באַטעמט. אַ דאַנק.

— דאָס עסן וואָס האָסט געגעסן ביי די לייט אין דיין געבוירן־שטאָט איז געווען בעסער?

— ווייט דערפון, מחותנתטע. דאָ איז עס מאכל־מלכים...

— און וואָס האָסטו גערן פאַר מיטאָג? זופּ מיט ברויט, אָדער קאַרטאָפל מיט מילך?

— קיין חילוק, מחותנתטע. אַלץ וואָס איז אַנגעלייגט פאַרן הויזגעזינד האָט אויך טעם גן־עדן פאַר מיר.

— וועסט זיך אויך נישט האָבן וואָס צו זשאַלעווען ביי מיין טאָכטער — האָט שרה לאה געשאָקלט מיטן קאָפּ און געטראַכט, הלוואי וואָלט זי געהאַט אַזאַ זון ווי ער פאַר אַ קדיש. — אויך זי גרייט־צו אַ מאכל מיט טויזנט טעמים.

— וואָס דער חידוש? — האָט ער נישט געספּקט. — אַז אַ טאָכטער קומט אַרויס פון אַזאַ הויז.

אָפּגעגעסן דעם פרישטיק, איז ער אויפ־געשטאַנען, באַדאַנקט שרה לאהן פאַרן באַטעמטן פרישטיק און איז אַריין אין דער קראָם. דאָ האָט ער זיך פאַרנומען אַהינטערן האַנדלס־טיש און געשמייכלט צו דער כלה, וואָס ער האָט שוין פריער געהאַט געזען.

— נו, וואָס האָסטו דאָ געטאָן אַליין, רבקהלע? — האָט ער געפרעגט שמייכ־לענדיק.

— כ׳האָב געוואַרט אויף דיר, שלמהלע — האָט זי צוריק־געשמייכלט — צו געבן דיר די ערשטע לעקציע אין די נעמען פון די גאַלאַנטעריי־סחורות, און אויך זיי־ער סאָרט.

— נו, כ׳בין מוכן ומזומן... — האָט ער ווידער געשמייכלט.

די כלה האָט זיך אַ וויש געטאָן ביי די ליפּן און מיט אַ צייג־פינגער אים גענומען אָנווייזן אויף איינער פון די פּאָליצעס, וווּ ס׳זענען געווען אָנגעלייגט סחורות:

— זעסט?

פון צייט צו צייט האָט זי אַ שאָס אַרויס געטאָן מיט אַ הילכיק געלעכטער. זי האָט זייער שטאַרק הנאה געהאַט פון דעם וואָס אים קומט אָן שווער צו געדענקען איר אינפאָרמאַציע.

— האָסט, שלמהלע — זאָגט זי מיט ליבשאַפט און לצנות — אַ זיכרון פון... זאָלסט מיר מוחל זיין, פון אַ קאַץ...

ער, דער חתן, האָט זיך אָבער נישט געלאָזט. ער האָט דווקא געוואָלט באַווייזן פאַרקערט,ער האָט יאָ אַ גוטן זיכרון.

— אין דער ישיבה האָט מען פון מיר געהאַלטן אַן עולם ומלואו — האָט ער גע־טענהט. — כ׳האָב געקענט אַ צענדליק בלעטער גמרא אויף אויסווייניק.

— טאַקע? אויב אַזוי, איז וואָס אַט־אַ דאָס? כ׳האָב דיר אקאָרשט געזאָגט דער־פון.

דער חתן האָט אַריינגעקוקט דערין, באַטאַפּט עס מיט זיינע לאַנגע דינע פינ־גער און געזאָגט. די כלה האָט זיך צעלאַכט.

— טאַטעשי! — האָט זי קייכנדיק גע־רופן דעם פאָטער, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן ביי די לענטירן. — זאָג, טאַ־טעשי, ווער ס'איז גערעכט, מיין חתן אָדער איך?

— מחותן! — האָט ער מיט אַ פּיש־טשענדיק קול אַרויסגערעדט צו רבקה־לעס פאָטער. — זייט זיך מטריח, מחותן, און פּסקנט ווער ס'איז גערעכט אין דער פּלוגתא, איך אָדער מיין כלה?

אין גאַנצן איז עס געגאַנגען וועגן דעם מאַטעריאַל פון טאַשמעלעך. זי זאָגט: זייד; און ער: וואָל.

מלך יוספן איז דען דאָס דאָזיקע ניחא געווען? אַן אַנדערש מאָל וואָלט ער גע־געבן נישט מער ווי איין קדמא־ואזלא־דיקן דריי מיט זיין לאַנגער פּאַרקיילעכיק־טער נאָז — און זיי וואָלטן שוין תופס גע־ווען דעם זין פון זיין העוויה. איצט איז אָבער נאָך אַלץ פריש. אַלץ... האָט ער סוף־כל־סוף זיך אַוועקגערירט פון די דרויסנדיקע לענטירן, פאַרנומען זיך אין דער קראָם אַריין אַרויסצוטראָגן אַ פּסק.

## 6.

דער פּסק איז אָבער געבליבן שטעקן אין האַלדז.

אין דרויסן, קעגנאיבער די לענטירן, האָט זיך געשטעלט אַ גרויסער מלוכה־וואָגן מיט הויכע שוואַרצע פערד, און אין דער קראָם האָבן זיך באַוויזן אוניפאָרמיר־טע לייט פון דער פינאַנץ־אַדמיניסטראַציע.

— פאַר דריי יאָר שטייערן זענט איר שולדיק, פּאַניע קופּיעץ — האָט איין מלוכה־מאַן, אַ הויכער, מיט בלאָנדע וואָנ־צעס, צאָרנדיק אַרויסגעלייענט פון אַ דיקן קאַנצעלאַריע־בוך.

— אַ שאַנדע פאַר פוילן אַזאַ בירגער!

— האָט אַ צווייטער מלוכה־מאַן, אַ נידע־ריקער, מיט אַ שווימענדיקער גאַמבע אין אַ שיטערן גוידער, פאַרגעוואָרפן מלך יוספן.

— ס'וועט מער נישט העלפן דאָס אָפּשלעפּן! — האָט אַ דריטער מלוכה־מאַן אַ דאַרער, מיט רויטע פּריטשקעס אויפן פּנים און מיט אַ קרומער נאָז, אַ געשריי געטאָן. — נאַטיכמיאַסט מוז אַלץ באַצאָלט ווערן. זאַראַז! שוין אַצינד — — —

דערהערט דעם טומל, האָט שרה לאה זיך באַוויזן פון דער קיך. אָריענטירט זיך אין וואָס עס גייט, איז זי אַריין אין די קינדערס שלאָף־שטיבל און אייליק צוריק־געקערט זיך מיט די דריי טעכטערלעך.

די מיידלעך האָבן אַרויפגעקוקט צו די מלוכה־לייט און הויך געכליפּעט, נישט געשעמט זיך איצט פאַרן חתן. אויך האָט די קליינע מאַמעשי הויך געיאָמערט:

— זעט, פּאַנאָוויע, ווי מיינע קינדער זענען אָנגעטאָן... מיין מאַן האָט נישט פון וואַנען זיי צו באַקליידן... מיר קוקן זיך אויס די אויגן אויף אַ קונה... מיר האָבן אפילו נישט אויף קיין מאָגער אויסקומע־ניש... איז ווי אַזוי האָבן מיר געקאָנט צאָלן פּאַדאַטקעס? פּראָשען פּאַנסטוואָ, האָט רחמנות... נעמט נישט אַראָפּ די סחורות פון די פּאָליצעס... פּראָשען — — —

און ער אַליין, דער האַנאָראָוווער מלך יוסף האָט זיך אויך גענומען בעטן ביי די מלוכה־לייט. ער האָט אויסגעטאָן דאָס שעמהיטל. ער האָט זיך פאַר זיי אַראָפּ־גערעדט פון הארץ, באשר אַ העלפט פון די סחורות איז דער נדן פאַר אַט־דעם יונגנמאַן וואָס שטייט הינטערן האַנדלס־טיש.

— און פון דעם איבעריקן ביסל — האָט ער צוגעגעבן — וועל'ך אפילו נישט קאָ־נען קויפן קיין באַהייצונג אויף ווינטער.

ס'האָט אָבער נישט געהאָלפן.

פון דעם גרויסן מלוכה־וואָגן, וואָס איז געשטאַנען אין דרויסן מיט די הויכע שוואַרצע פערד, זענען באַלד אַריינגע־קומען עטלעכע געזונטע גוים, מיט בריי־טע פּלייצעס, און האָבן אייליק זיך גע־לאָזט צו די פּאָליצעס.

די כלה האָט זיך געמוזט אַרויסרוקן פון הינטערן האַנדלס־טיש. און דער חתן, אַ גאַפּנדיקער, אַ צעטומלטער, איז אַפּער פון דאָרט אַזוי ווי ער וואָלט זיך שפּעט געכאַפּט אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ סכנותדיקן וועג. וואָס איז דאָ געשען?

— האָט ער געהאַלטן די אויגן אויסגע־סטאַרטשעט אויף די טרעגערס. — מ'רוימט גאָר אַראָפּ די סחורות פון די פּאָליצעס? טאָ וואָס קאָן ער טאָן מיט די וועקסלען

וואָס דער כלהס טאַטעשי האָט אים געגעבן? און וואָסער תכלית איז דער שידוך, אַז די וועקסלען זענען גאָרנישט ווערט!

מלך יוסף האָט זיך איצט אָפּגערוקט פון די מלוכה־לייט. ער האָט נישט געקוקט אויף דער ווייב, אויך נישט אויף די קינדער, וואָס האָבן אָן אויפהער הויך געיאָמערט. ער האָט אויך נישט געקוקט אויפן חתן, וועמען ער האָט נישט מגלה־סוד געווען אַז דער נדן קאָן אַמאָל סעקוועסטירט ווערן פון דער מלוכה. ער איז געשטאַנען אין אַ זייט, און זיינע ליפּן האָבן געפיבערט אין דער באָרד ווי ביי אַ חולה־נופל. געזען ווי די מלוכה־טרעגערס נעמען אַרויספּאַקן די סחורות פון דער קראָם, האָט ער, מלך יוסף, לענגער נישט געקאָנט שטיין דאָ. ס'האָט אים געשטיקט אין האַלדז. ער האָט זיך אָפּגעקערט פון אַלעם און מיט פאַרטרערטע אויגן אַוועקגעשלייכט צו די הינטערשטע שטיבער פון דער דירה.

7.

ס'האָט נישט גענומען לאַנג ווי די פינאַנץ־מענטשן האָבן זיך געהאַט אָפּגעטראָגן פון דאַנען און זענען אַוועק מיט די שוואַרצע פערד, וואָס האָבן געשלעפּט דעם וואָגן מיט די סעקוועסטרירטע סחורות.

דער מעמד אין דער קראָם איז איצט געווען ווי נאָך אַ שריפה. שרה לאה מיט די דריי יונגע טעכטערלעך זענען געשטאַנען ביים האַנדלס־טיש און האָבן געיאָמערט. און די כלה איז געזעסן אויף אַ שטול ביי דער אָפענער קראָם־טיר, אין פוס פאַרלייגט איבערן צוויטן, דאָס פּנים איינגעגראָבן אין די הענט, און האָט אָן אויפהער געכליפּעט. זי האָט איצט געוויינט נישט בלויז אויף די אָפּגעליידיקטע פּאָליצעס, נאָר אויך אויפן סוף וואָס זי דערוואַרט פון שידוך. דער חתן וועט געוויס אַ ליאַדע מינוט אַוועק צו זיינע קרובים אין שטאָט און לאָזן וויסן וועגן זיין אָפּברעכן די תנאים. אַז די וועקסלען האָבן מער נישט קיין ווערט, איז וואָסער אַנשפּאַר האָט דער שידוך?

דעם חתן האָט געשניטן ביים האַרץ, צוזעענדיק וואָס דאָ טוט זיך. ס'האָט אים אָבער אויך וויי געטאָן פאַר זיין אייגענער מערכה אין לעבן. צו וואָס טויגן אים די איידעלע רייד וואָס מ'רעדט צו אים, און דאָס גוטע געקעכץ וואָס מ'גרייט פאַר אים, אַז ער האָט נישט מיט וואָס אויפצושטעלן אַן אייגענע היים נאָך דער חתונה. זיין לעבן איז דאָך קיין מאָל פריער נישט געווען אַזוי באַדנלאָז און פינצטער ווי איצט.

דערביי האָט ער זיך אָבער אויך געפילט חייב פאַר דעם ייאוש פון זיין כלה. די שטראָמען טרערן וואָס זענען געפלאָסן פון אירע שיינע קאַווע־ברוינע אויגן האָבן דורכגעלעכערט זיין נפש. אין האַלדז האָט אים גענומען שטיקן — און ער האָט זיך געווישט די מויל־ווינקלען מיט אַן אַרבל. סוף־כל־סוף האָט ער זיך גערירט און איז געגאַנגען האָבן אַ שמועס מיטן מחתן, וואָס ער האָט פריער באַמערקט צוריקציען זיך צו די הינטערשטע שטיבער.

— מחותן! — איז ער געבליבן שטיין אין דער שטוב פון די תנאים און האָט גערופן.

מלך יוסף איז אָבער דאָ נישט געווען.

— מחותן! — האָט ער געקוקט אויף אַלע זייטן און דערוואַרט דער כלהס פאָטער זאָל זיך אָפּרופן פון ערגעץ און אַריינקומען. — כ'וויל האָבן אַ מדובר מיט אייך.

ער איז דערנאָך אַריין אין דער קיך. אָבער אויך דאָ אים נישט געזען. אומגערן האָט ער זיך פאַרקליבן אין די מחותנימס שלאָף־חדר, אָבער אויך דאָ איז מלך יוסף נישט געווען

— כ'וויל מיט אייך האָבן אַ מדובר, מחותן! — איז ער שרייענדיק אַרויס פון דאַנען און אַריין אין די טעכטערס שלאָףשטיבל, וווּ ער האָט גערופן אויף אַלע זייטן. — וווּ זענט איר, מחותן?

נישט געהערט קיין אָפּרוף, האָט ער מיט אַנטוישונג זיך געלאָזט צו אַ קאַמער, וווּ ס'איז געווען פינצטער. דאָ איז ער מיט אַמאָל געבליבן שטיין ביי דער שוועל און ער האָט זיך אַנגעכאַפּט מיטביידע הענט ביי די שלייפן.

— מחותן! — האָט ער אומגעהאַריש אַ געשריי געטאָן, זעענדיק ווי דער ייד מיט דער שוואַרצער באָרד איז אַרומגערייפט מיט זוניקע גאָלד־שטראַלן, וואָס

האָבן אַריינגעשײַנט דורך די שפּאַרונעס פון דער פענסטערלאָזער קאַמער. — מחותן!!

מלך יוסף האָט אָבער נישט געענט־פערט. ער איז געשטאַנען אויף אַ קאַסטן, אַרום זיין האַלדז פאַרלייגט אַ שלייף פון אַ צונויפגעדרייטן שוואַרצן פרויען־שאַל, וואָס איז געווען צוגעקנופּט צום באַלקן פון סופיט, און ער האָט געהאַט בדעה אַ שפּרונג צו טאָן מיט די פיס אַראָפּ צום דיל.

דער חתן איז אָבער האַסטיק אַרויף אויפן קאַסטן און אַ ריס אַראָפּ געטאָן דעם שאַל פון באַלקן.

— מחותן! — האָט ער וויינענדיק גע־שריען. — ווי מעג אַ ייד באַגיין זעלבסט־מאָרד? דער רבש״ע איז דאָך נישט מוחל אויף אַזאַ חטא. איר ווייסט'אָך די זינד פון אַ מאבר עצמו לדעת...

ביידע זענען געבליבן שטיין אויפן קאַסטן. מלך יוסף האָט אַריינגעטאָן דאָס פנים אין די הענט און זיך צעיאָמערט:

— כ'האָב געזינדיקט קעגן דיר, מיין תמימותדיקער בחור... כ'האָב דיר גע־דאַרפט זאָגן דעם אמת, אַז דער נדן האָט נישט קיין אחיזה... כ'האָב דיך צעבראָכן, אויך מיין טאָכטער... און אַצינד קאָנ'ך נישט קוקן אין מיין פנים. גיי, בחור, ווו דו ווילסט. לאָז מיך אַליין... כ'קאָן מער נישט לעבן.

ביים חתן האָבן געציטערט די ליפּן. ער האָט אָנגענומען דעם מחותן ביי אַן אָרעם און קרעכצנדיק געטענהט:

— ווו זאָל'ך גיין, מחותן? כ'וויל זיך מיט אייך דורכרעדן... כבין נישט קיין מופקר פון דער גאַס. אַז איר'ט מיך גע־מאַכט פאַר אַ שותף צו דער קראָם, וויל'ך אויך ווערן אַ שותף צו אייער איצטיקן מעמד... וואָס נאָר ס'זאָל נישט געשען אין הויז, בינ'ך מרוצה אויסצוטראָגן מיין באַ־שערט חלק צוזאַמען מיט אייך...

מלך יוסף האָט זיך נישט אויסגעגלייכט. ער האָט נאָר געהאַלטן דאָס פנים אין די הענט און געכליפּעט.

— זייט זיך נישט מצער... — האָט דער חתן ווידער געהאַלטן אין איין אַריינרעדן אין דעם מחותן. — דאָס וואָס איר קאָנט אַצינד שוין מער נישט סילוקן דעם נדן וועט נישט אָפּשוואַכן מיין קשר מיט אייער טאָכטער. כ'פיל בכל עצמותי אַז זי איז מיין אמתער זיווג. דער רבש״ע האָט מיך פריער געהאַט פּרובירט, וואָס ס'איז מיר מער ניכא, אַ נדן, אָדער אַן איידעלע יידי־שע טאָכטער.. אָבער כ'האָב אויסגעהאַלטן דעם נסיון...

מלך יוסף האָט אָבער ווידער גאָרנישט געזאָגט.

דער חתן האָט איצט נישט געוווּסט וואָס ווייטער צו טאָן. זאָל ער לויפן און אַריינרופן דאָס הויזגעזינד? זאָל ער אפשר וואַרטן ביז דער מחותן וועט זיך אויס־וויינען און דערנאָך אַליין אַראָפּגיין פון קאַסטן? מחמת מיטלייד מיט דער דער־שלאָגענער מחותנתטע, מיט די טעכטער־לעך, און אַוודאי מיט זיין כלה, האָט ער אָבער זיך מיישב געווען. ער וועט זיי נישט אָנזאָגן די ביטערע בשורה. פאַר חרפה וואָלטן זיי נישט געוווּסט ווו דאָס פנים אַהינצוטאָן. זיי וואָלטן נאָך מער געליטן. ער וועט ליבערשט וואַרטן ביז דער צעפייניקטער מחותן וועט זיך גוט אויסיאָמערן אין זיין פאַרקלעמטקייט. דערנאָך וועט ער, דער חתן, אים פאַר־זיכערן צו פאַרשווייגן דאָס גאַנצע פאַר־לויפעניש, מאַכן דערפון אַן אייביקן סוד. שאַ־שטיל. ער האָט גאָרנישט געזען און גאָרנישט געהערט. דעמאָלט וועט ער ערשט מיט אים צוריקגיין אין דער קראָם צום הויזגעזינד. דערווייל האָט ער גע־קוקט אויף אים, געשאָקלט זיך ווי איבער אַ מסוכן קראַנקן קרוב, אַ קום־זשיפּענ־דיקן, און מיט סבלנות געוואַרט.